ud Infantil
acionalista
ISRAELITA
y
Bs. AIRES

# שלמה־המלכ׳ס חלום און דאָס פּאסטוכל.

שלמה המלך האָט זיך איין מאָל געחלומ׳ט א בייזער, א שרעקליכער חלום. ער איז געשטאַנען ביים ברעג פון א שווארצען טיפען אָפּגרונט, און עמיצער האָט פון הינטען געהאַלטען אויסגעשטרעקט א ברייטע האנט, שלמה׳ן א שטויס צו טון אין אָפּגרונט אריין. אָט דערנעהנטערט זיך די האנט, אָט וועט זי אים אָפּשטופּען, און ער וועט אריינ־פאלען אין אָפּגרונט. און פון אָפּגרונט ארויס טראָגט זיך א ברומען פון לייבען און, ווי פייער, ברענען, פינקלען דאָר־טען ווילדע בלוטדאָרשטיגע חיה׳שע אויגען.

שלמה הַמֶלֶך האָט זיך אויפגעכאפט אין שוויס, און דאָס הארץ האָט אים געקלאפט. אז עס איז געוואָרען טאָג, איז ער אראָפּ פון בעט, זיך אײַנגעוואשען, אָבער אויף זײַן פָּנים איז אַן אומעט געלעגען. ער האָט ניט געקאָנט פארגעסען דעם חָלום.

זענען אריבער עטליכע טעג, און שלמה האָט נאָך אלץ געשפירט, ווי ער וואָלט געשטאנען נעבען א שווארצער גרוב מיט חַיוֹת, און א האנט וויל אים אהין אראָפּשטויסען.

ער האָט זיך נישט געקאָנט בעפרײַען פון דעמדאָזיגען געפיל, און עסען האָט ער אויפגעהערט, און רעדען האָט ער נישט גערעדט, און אויף זײַן שענעם שטערען האָבען זיך טיפע קנייטשען געצויגט.

האָבען לאנג געקלערט זיינע יוֹעֲצִים:

— דער מֶלֶך איז קראנק! אומעטיג איז ער, ראטעווען דארף מען אים.

האָט גאָר דער עלטסטער יוֹעץ געזאָגט:

— אונזער מֶלֶך קאָן אויסהיילען נאָר געלעכטער. א קינד זאָל לאכען... קינדעריש געלעכטער — דאָס איז די בעסטע רפוּאָה פאר אים.

מיט דעם האָבען אײַנגעשטימט אלע יוֹעֲצים, און שלֹמה אליין אויך.

— יאָ, א קינד זאָל לאכען, וועט מיר אֶפְשֶׁר לײַכטער ווערען, — האָט דער מֶלֶך טרויעריג געטראכט.

האָט מען פון גאנץ ירוּשָׁלַיִם אָנגעהויבען ברענגען קינדער צו שלֹמה׳ן, אָבער קיינס האָט ניט געקאָנט לאכען, ווי געהעריג. די רײַכע מיט די ראָזע זאטע פְּנִימ׳לעך האָבען געלאכט אָהן א קוֹל — דער האלז איז זיי געווען צו־דיק, און די אויגלעך זענען פארשוואומען געווען. דעם מֶלֶך האָבען זיי נאָר פערשאפט עַגמַת־נֶפֶש. אָרימע קינדער האָבען מוֹרָא געהאט, געהאַלטען די אויגען אראָפּגעלאָזט; טרוקען אָהן

כּח און דערשראָקען האָבען זיי געלאכט.

שלמה איז אריינגעפאלען אין יאוש. אלע קינדער פון שטאָט זענען שוין בּיי אים געווען, און קיינער האָט ניט גע-קאָנט לאכען. טאָג און נאכט האָט דעם מלך דער שרעק-ליכער חלום געפּייניגט. די דינער פון קייזערליכען הויף זע-נען ארומגעגאנגען דערשלאָגענע און אָפּהענטיגע.

נאָר אָט האָט מען איינמאָל געבּראכט אן אָרים יונ-געלע פון דאָרף. זיינע בּגדים'לעך צעריסען, צעפליקט, כּמעט אָהן א העמד אויפ'ן לייב, די הענט שווארצע, אָפּגע-בּרענטע, די פיסלאך פארבּלוטיגטע פון דערנער און פון ווילדע גרעזער, די הערלעך — נישט געשוירענע און נישט גע-געקאמטע, דאָס פּנימ'ל — שמוציג, נאָר צוויי שווארצע אוי-געלעך, ווי צייטיגע קארשען פלאמען פריי און פרעהליך ארויס פון אונטערן שטערן.

און אָט דאָס יונגעלע האָט געלאכט... און זיין געלעכ-

טער האָט זי געפילט דער מִזרַח־הימעל, און און די פרייַע אֶרֶץ־יִשׂרָאֵל־סטעפּעס, און די כּישוּפ׳דיגע פריהלינג־ווינטען, און דאָס רוישען פון וואלד לבָנון נאָך א שפּריי רעגען.

אויף שלמה׳ס פָּנִים האָבען זיך לאנגזאם אויסגעגלעט די קנייטשען, א שיַין איז אוּיפגעגאנגען אויף זיַין געשטאלט, און זיַינע אויגען האָבען זיך אנגעצינדען מיט פרייד.

און דער מֶלֶך האָט זיך צעלאכט. קיין מאָל אויף זיַין לעבען האָט ער אזוי נישט געלאכט, ווי דאָס מאָל. יעדעס טראָפּעלע בלוט זייַנס האָט אין אים געלאכט פון פערגעניגען.

ווער ביסטו ? האָט שלמה אָנגענומען דאָס יונגעלע ביַי די אקסלען, און ביידע האָבען זיך געשאקעלט פון געלעכטער.

— א פאסטוכל...

— אפאסטוכל... — האָט אים דער מֶלֶך געקושט אין שמוציג פֶּנִימֶ'ל, אויפגעהויבען אים און אומגעטראָגען ביַים הארצען איבער די גרויסע גאָלדענע זאלען פון זיַין פאלאץ. — אך, ווי גוט דו לאכסט, מיַין קינד... אך ווי גוט דו לאכסט...

און דער מֶלֶך שלמה האָט פערגעסען דעם חָלום און געהיילט געוואָרען.

## ווילדע גענז.

אמאָל איז געווען א טאטע מיט א מאמען, האָבען זיי געהאט א קליין מיידעלע, מיט א קליין אינגעלע.

איז איינמאָל די מאמע אוועק מיט׳ן טאטען אין גאס, האָבען זיי אָנגעזאָגט דערטעכטערל, זי זאָל אָבהיטען דאָס ברודערל.

---

פערגעסט דאָס מיידעלע באלד, וואָס די מאמע האָט אָנגעזאָגט, און לויפט אוועק צו אירע חֲבֶר׳טעס זיך שפּילען; דאָס ברודערל איז געבליבען זיצען אין שטוב ביים אָפענעם פענסטער.

קומען צופליהען זיבען ווייסע פויגעל, שפּרייטען אויס די פליגעל און כאפּען־צו דאָס אינגעלע און טראָגען אים אוועק ערגעץ ווייט־ווייט.

דאָס זענען געווען ווילדע גענז.

קומט אהיים דאָס מיידעלע, זעהט זי — דאָס ברודערל איז נישטאָ, קוקט זי ארויס אין פענסטער, זעהט זי די זיבען ווייסע ווילדע גענז. פערשטעהט זי, אז זיי האָבען עס דאָס ברודערל צוגעכאפט, הויבט זי אָן שטארק וויינען און לויפט אוועק נאָך די גענז.

---

לויפט דאָס מיידעלע, לויפט — טרעפט זי אין פעלד אנ'עפעלבוים, זאָגט זי צום עפעלבוים:

— ליבער, הארציגער עפעלבוים, זאָג מיר, וואו איז מיין ברודערל, אֶפשֶר האָסטו געזעהן. וואו די ווילדע גענז האָבען אים אוועקגעטראָגען?

— אז דו וועסט עסען אנ'עפעלע, וועל איך דיר זאָגען, — ענטפערט דער עפעלבוים.

— ווי אזוי קאָן איך עסען עפעל, אז מיין ברודערל איז נישטאָ? — ענטפערט דאָס מיידעלע און לויפט ווייטער.

טרעפט זי אָן א טײַך פון מילך און ברעגען פון קעז. בויגט זיך אײַן דאָס מײדעלע און פרעגט:

— ליב טײַכעלע! אפשר האָסטו געזעהן. וואו די ווילדע גענז האָבען מײַן ברודערל אוועקגעטראָגען? —

— איך האָב געזעהן — ענטפערט דער טײַך — טרינק א ביסעלע מילך, עס א שטיקעלע קעז, וועל איך דיר זאָגען.

— זאָג אלײן, הארציג טײַכעלע. ווי קען איך עסען קעז, ווי קען איך טרינקען מילך, אז מײַן ברודערל איז נישטאָ?

שווײַגט דער טײַך, רעדט נישט מעהר.

צעווײנט זיך דאָס מײדעלע, קומט אָן א קלײן פײגעלע, האָט עס רחמנות אויפ'ן מײדעלע און ווײַזט איר אָן אויפ'ן וואלד.

— געה אין וואלד — זאָגט דאָס פײגעלע, — וועסטו דאָרט געפינען דײַן ברודערל.

לויפט דאָס מײדעלע ווײַטער, קומט זי אין וואלד ארײַן און זעהט: עס שטעהט א קלײן הײַזעלע אויף הינערשע

פיסלעך — שטעהט און הוידעט זיך אהין און אהער. קוקט דאָס מיידעלע אין פענסטער אריין, זעהט זי, עס זיצט אַן אַלטע מכשפה אויף אַ באַנק און נעבען איר זיצט דאָס ברודערל, האַלט אַ גאָלדען עפּעלע אין האַנט, שפּילט זיך דערמיט און וויינט.

---

כאַפּט דאָס מיידעלע דאָס ברודערל און לויפט אַוועק מיט אים. ווענען באַלד אָנגעלאָפען די זיבען ווילדע גענז און גענומען יאָגען דאָס מיידעלע. לויפט זי האַסטיג מיט'ן ברודערל און דערלויפט צום טייַכעלע מיט מילך. טרינקט זי שוין אַ ביסעל מילך און בעט דאָס טייַכעלע, עס זאָל זי בעהאַלטען. ווענען באַלד די גענז צולאָפען. קומט דאָס מיידעלע צום עפּעלבוים, זעהט זי: די ווילדע גענז יאָגען זי ווידער, כאַפּט זי אַן עפּעלע און בעט דעם בוים, ער זאָל זי בעהאַלטען. האָט זי דער בוים באַלד בעדעקט מיט זייַנע צווייַגען און די ווילדע גענז ווענען צולאָפען געוואָרען.

לויפט ווײַטער דאָס מײדעלע מיט'ן ברודערל און דער-
זעהט פון ווײַטען דער מאמען מיטן טאטען. האָט זי זיך
שטארק דערפרעהט און מעהר שוין קײנמאָל נישט איבער-
געלאָזט דאָס ברודערל אליין.

# אֵלִיָהוּ הַנָבִיא און דער אָרימאַן.

פאר גאנץ לאנגע צײַטען איז געװען אנ'ערלי־
כער איד, אָבער זעהר אגרויסער אָרימאַן מיט
א װײַב און מיט א סַך קינדערלעך. געלעבט
האָבען זיי זעהר אָרים: קיין העמד אויפ'ן לײַב,
קיין שטיקעל טרוקען ברויט אין שטוב.

איינמאָל רופט זיך אָן צום אָרימאַן זײַן װײַב:
„מײַן ליבער מאן, װאָס װעט זײַן דער תַּכלִית, מיר
װעלען דאָך אזוי פון הונגער אויסגעהן; פראָביר
ארויסגעהן אין מארק, אֶפשֶׁר װעט גאָט דיר עפּיס
צושיקען".

ענטפערט איר דער מאן; „דו ביזט גערעכט, מײַן ווײַב, אָבער ווי אזוי זאָל איך זיך ווײַזען אין גאס, אז איך האָב קײן שטיקעל בֶּגֶד נישט אויף זיך, און עס איז נישטאָ אַפִילוּ קײַן פּרוּטָה בײַ דער נשָמָה?״

כאפּט זיך אריבער דאָס ווײַב צו די שכֵנִים און באָרגט אָן מַלבּוּשִים פון די שענסטע. האָט דער מאן באלד זיך אָנגעטון און זיך געלאָזט געהן אין מארק אַרײַן, אֶפשֶר וועט גאָט עפּיס צו-שיקען.

---

געקומען אויפ׳ן מארק, קומט אים אנטקעגען אֵלִיָהוּ הַנָבִיא און זאָגט צו אים אזוי:

— נאָך הײַנט וועסטו אנ׳עוֹשֶר ווערען! נעהם

מיך און רוף דאָ אויס אין מארק: ווער וויל קויפען א קנעכט, איינס אין דער וועלט.

קאָן זיך דער איד קיין עֵצָה נישט געבען: מען דארף פאָלגען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, אָבער ווי טוט מען עס אזא זאך און מען פערקויפט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא פאר א קנעכט ?!

רופט זיך צו אים אָן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: „פרעג נישט קיין קַשיות און טו, ווי איך הייס דיר".

דער איד האָט געפאָלגט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא'ן און ער האָט געקריגען פאר אים אכטהונדערט טויזענט גאָלדענע רענדלעך, און איז באלד א גרויסער עוֹשֶר געוואָרען.

פרעגט דער סוחר ביי אֵליָהו׳ן, צי קאָן ער בויען היַיזער; אויב ער וועט קאָנען אויפשטעלען א פּאלאץ, וועט אים דער סוחר דערנאָך פּריַי לאָזען.

האָט אֵליָהו זיך געשטעלט בויען דעם פּאלאץ. אז עס איז געקומען האלבע נאכט, האָט אֵליָהו תפלה געטאָן צו גאָט, ער זאָל אים העלפען אויפבויען דעם פּאלאץ, ווייל ער האָט געטאָן אזא גוטע זאך, — ער האָט אנ׳ערליכען אָרימען אידען רייך געמאכט.

זענען אראָבגעקומען מלאָכים פון הימעל און זיך גענומען צו דער ארבייט. פּארטאָג איז דער פּאלאץ שוין פּארטיג געווען.

אז דער סוחר האָט אינדערפריי דערזעהן דעם

פּאלאַק, איז ער נתפּעל געוואָרען. זאָגט צו אים אֵלִיָהוּ: „איצט האלט דיין וואָרט, וואָס דו האָסט מיר נעכטען צוגעזאָגט, און לאָז מיך פריי".

זאָגט דער סוחר: — וואָרט איז וואָרט. דו ביזט פריי. געה בשלום.

און אֵלִיָהוּ הַנָבִיא איז באלד פערשוואונדען געוואָרען.

## דאָס וואונדערליכע פײַפעל.

נישט ווײַט פון א גרויסען וואלד איז געווען א קליין דאָרף. בײַם אָנהויב דאָרף איז געשטאנען א קליין אָרים הײַזעל. אין הײַזעל האָט געוואוינט טֶביֶה דער האָלצהעקער מיט זײַן ווײַב און פיר קינדערלעך. טֶביֶה דער האָלצהעקער איז געווען א גרויסער אָרימאן.

איינמאָל, פארנאכט, האָבען אין טיר צו טֶביֶה'ן אָנגעקלאפט דרײַ אלטע אידען, אָרימעלײַט. ווען

טֶבִיֶה האָט זיי געעפענט די טיר, האבען זיי גע־בעטען, ער זאָל זיי געבען א שטיקעל ברויט און לאָזען זיי איבער נעכטיגען.

— אך, גוטע מענשען, — האָט טֶבִיֶה צו זיי גע־זאָגט, — איך האָב נאָר איין בעט פאר די קינדער. אויף עסען האָב איך בלויז קארטאָפעל און א שטי־קעל שווארץ ברויט. נאָר עס מאכט נישט אויס, קומט, עסט עפּיס און לעגט זיך שלאָפען.

די דרײַ אָרימעלײַט האָבען געגעסען מיט גרויס חֵשֶק, דערנאָך זיך אנידערגעלעגט און באלד אײַנ־געשלאָפען.

---

אינדערפרי האָט איינער פון די אָרימעלײַט

געזאָגט, אַז זיי ווילען אים בעצאָלען פאר זײַן גוטס־
קײַט, נאָר טֶבִיָה האָט קיין געלד נישט געוואָלט נעה־
מען, דאָט דעמאָלט דער צווייטער אָרימאַן געזאָגט:

— דערפאר וועלען מיר דיר געבען א מַתָנָה,
וואָס איז טײַערער פון געלד: נא דיר א פײַפעלע.
אז דו וועסט עפּיס וועלען, זאָלסטו א פײַף טאָן,
וועסטו באלד האָבען, וואָס דו פערלאנגסט. נאָר
זעה, דו זאָלסט שטענדיג זײַן גוט צו אָרימעלײַט.

די אָרימעלײַט זענען אוועקגעגאנגען, קוקט טֶבִיָה
דער האָלצהעקער אויפ'ן פײַפעלע און לאכט:

—צו וואָס— זאָגט ער — טויג מיר א פײַפעלע?
איך בין דאָך נישט קיין קליין קינד. נאָר איך וועל
מיך פּרובען פײַפען. איך וויל, אז אויפ'ן טיש זאָלען

איצט שטעהן, דהיינו, זעמעל מיט מילך, מיט אייער און פוטער...

טוט ער א פייף — און באלד שטעהט שוין אויפ'ן טיש אלץ, וואָס ער האָט אויסגערעכענט, און עס ליגט נאָך א שען זילבערן מעסער מיט זילבערנע לעפעלעך און מיט א גאָלדענעם זאלצמעסטעל. האָט טביה שוין פארשטאנען, אז דאָס איז נישט קיין פראָסט פייפעל. און אז ער האָט נאָר עפּיס בעדארפט, איז גענוג געווען, ער זאָל א פייף טאָן, איז שוין אלץ געשטאנען אויפ'ן טיש כיד המלך.

---

געהט זיך די צייט, און טביה דער האָלצ-העקער איז שוין א גביר געוואָרען. אויף דעם

אָרט, וואו עס איז פריער געשטאנען דאָס קליינע איינגעפאלענע הייזעל, האָט טֶביֶה אויסגעבויט א גרויסען און שענעם פאלאץ. נעבען פאלאץ איז געווען א שענער גאָרטען מיט אלערליי בלומען, און אין מיטען גאָרטען האָט זיך געקוויקעלט א קליין זילבערן וואסערל, און אין וואסערל האָבען זיך געשפילט פישעלעך.

---

אז דער פאלאץ איז אינגאנצען אויפגעבויט גע-וואָרען, האָט טֶביֶה געמאכט א גרויסען באל. האָט ער צונויפגערופען אלע פריצים פון די דערפער און שטעט.

זענען אלע געקומען, זיך אויסגעזעצט פאר די

לאנגע טישען, געגעסען און געטרונקען און זיך געלאָזט וואויל גערן. ביים טויער פון פּאַלאַץ האָט טָביֶה אוועקגעשטעלט משׂרתים, זיי זאָלען נישט אריינלאָזען קיין אָבגעריסענע, קיין אָרימעלייט, מען זאָל אים נישט שטערען די שׂמחה.

פּונקט דעמזעלבען אָוונט זענען דורכגעגאַנגען פאַרביי פּאַלאַץ יענע דריי אָרימעלייט, וואָס האָבען געגעבען טָביֶה'ן דאָס פייפעל. זעהען זיי, אז ביי טָביֶה'ן איז א שׂמחה, זאָגט איינער: לאָמיר אריינגעהן א קוק טאָן די שׂמחה. לאָזט מען זיי אָבער נישט אריין, און אז זיי ווילען נישט אוועקגעהן, שיקט מען ארויס א גרויסען הונט אויף זיי, וואָס רייסט-אָב ביי איינעם די קאַפּאָטע און בייסט-

אײַן בײַם צװײטען א פֿינגער. געהען די אָרימעלײַט אװעק.

נאָר אין א רגע ארום קומט אָן א גאָלדענע קארעט, געשפּאנט אין פֿיר פֿערד. פֿון קארעט געהען ארױס דרײַ פּערפֿוצטע פּריצים מיט ברי־ליאנטען און גאָלדענע פֿינגערלעך אױף די הענט. עפּענט מען באלד טיר און טױער פֿאר זײ. לױפֿט טביה זײ ארױס אנטקעגען און דערקענט אין זײ די אָרימעלײַט, װאָס האָבען אים געגעבען דאָס פֿײַ־פֿעל. נאָר די אָרימעלײַט האָבען געזאָגט: „מיר װילען נישט זײַן אױף קײן שׂמחה בײַ אַנ׳אידען, װאָס לאָזט נישט ארײַן צו זיך קײן אָרימעלײַט“.

און איינער האָט געוויזען די קאַפּאָטע, וואָס די הינט האָבען אים צוריסען.

דער עלטסטער פון זיי האָט ארויסגענומען פון קעשענע א פּײַפעל, פּונקט אזא ווי ער האָט געגעבען טביה'ן, א פּײַף געטאָן איינס-צוויי-דרײַ — און באלד איז פערשוואונדען געוואָרע'ן דער פּאלאץ מיט'ן גאָרטען מיט אלע טײַערע זאכען, וואָס טביה האָט געהאט, און עס איז ווידער געשטאנען דאָס אלטע אײַנגעפאלענע הײַזעל.

און די דרײַ אלטעלײַט זענען פערשוואונדען געוואָרען.

ASOCIACION ISRAELITA

192